# עַם סְגֻלָּה

אידיש



נומער 8

# עַם סְגֻלָה

## אידיש



יצא לאור על ידי עסקני

**וועד לחיזוק הדת**

בהתעודדות הרבנים הגאונים שליט״א

חודש אדר תשס״ד ברוקלין נ.י.

בקונטרסים הקודמים קבלנו הסכמות מהרבנים הגאוה"צ שליט"א דלהלן:

- **הגה"צ ר' ישראל חיים מנשה פריעדמאן שליט"א ראב"ד סאטמאר**
- **הגה"צ ר' געציל בערקאוויטש שליט"א דומ"ץ קרית יואל**
- **הגה"צ ר' הילל וויינבערגער שליט"א אבד"ק סערדאהעלי ודומ"ץ נייטרא**
- **הגה"צ ר' מאיר טודרוס זילבער שליט"א אבד"ק יאוואזשנא**

☜ צוליב די ריזיגע הוצאות פון דעם קונטרס - זעצן, דרוקן, סטעפלען, פאָסט - בעטן מיר פון אייך, אויב האָט איר הנאה פון דעם ווערק, ביטע שיקט אַריין לכל הפחות **פינף דאָלער** צום פאָלגענדן אַדרעס, **וכל המרבה הרי זה משובח**

**Beir Yehidah Publishing**
**C/o Am Segila**
**154 Lee Ave.**
**Brooklyn, N.Y. 11211**

**גדולי דורינו שליט"א, חסידים ואנשי מעשה, טוען מחשיב זיין אונזער אויסגאַבע ביז גאָר. ביטע אונז אַרויסהעלפן מיט פינאַנציעלע שטיצע אַז מיר זאָלן קענען עקזיסטירן. אויב ווילט איר מנדב זיין לעילוי נשמת אַ קרוב (מיט אַן אָפּצאָל פון הונדערט דאָלער און העכער) און דערמיט פאַרשאַפן גרויסע זכותים פאַר די נשמה, ביטע רופט:** (718) 935-1601

לעילוי נשמת

מרת **פרומט** בת מו"ה **אברהם יצחק** ע"ה

מרת **שרה** בת הגה"צ רבי **נפתלי הירצקא** ע"ה

מו"ה **אברהם יצחק** בן מו"ה **יודא** ע"ה

*

לעילוי נשמת האשה החשובה הצנועה והצדיקת

מרת **חנה זיסל** ע"ה בת הרה"ח ר' **חיים** פוקס נ"י

נפטרה בדמי ימיה לדאבון בני משפחתה וידידיה

*

לעילוי נשמת האשה החשובה

מרת **שיינדל** (מילער) ע"ה בת הרה"ח ר' **צבי** (ווייס) נ"י

נפטרה בדמי ימיה לדאבון בני משפחתה וידידיה

אפריון נמטייה להנגידים החשובים

**בעלי דפוס "אחים גראס" שיחיו עמו"ש**

על הדפסת הקונטרס במחיר נמוך מאוד כדי לזכות את הרבים

ישלם ד' פעלם ותהי משכרתם שלמה מעם ד' אלקי ישראל

לכבוד עם סגלה:

עס איז כדאי אַראָפּצוברענגען אין אייער שיינער קונטרס דאָס וואָס איך האָב געהערט אַמאָל פון הרה״ק מסקווירא זצ״ל ווען ער האָט מספיד געווען אַן אשה צנועה. האָט ער געזאָגט בערך ווי פאָלגענד: ״וואויל איז פאַר די נפטרת. די הייליגע אמהות שרה רבקה רחל לאה וועלן איר אַקעגן קומען זאָגנדיג אָט דאָס איז אונזער ליבע טאָכטער!״ - דערנאָך האָט ער מעורר געווען זאָגנדיג: ״אַ פרוי וועלכע קליידט זיך נישט בצניעות, וועלן די אמהות איר נישט דערקענען, זיי וועלן פרעגן ווער ביסטו טאָכטער? מיר דערקענען דיך נישט! ווי גרויס וועט זיין די שאַנדע!״

(-)

*

צו חשוב׳ע אמוני עם סגלה:

איך ווייס נישט צי איר זענט די ריכטיגע אַדרעס פאַר מיינע ווערטער, אָבער איך מוז מיך אויסרעדן. פאַרוואָס זאָל מען נישט איינפירן אין אַזאַ הייליגע עיר ואם בישראל ווי וויליאַמסבורג, מענער אויף איין זייט גאַס און פרויען אויף די אַנדערע זייט. אין די ״ביזי״ צייטן איז דאָך פשוט אוממעגליך פאַר אַ איד צו גיין אויף די גאַס. ווער רעדט נאָך נעבן די שמחה זאַלן. אפילו אויב עס איז נישט דורכפירבאַר אויף 100 פראָצענט, איז אָבער הכל ריווח. לא עליך המלאכה לגמור זאָגן חז״ל.

עס איז נישט קיין ספק אַז ווער עס וועט האָבן אַ חלק אין דורכפירן די דאָזיגע ״תיקון גדול״, וועט צוגעשריבן ווערן צו די גאָלדענע ליסטע פון די גודרי גדר במשך די אידישע געשיכטע.

יישר כח

(-)

*

אַ יישר כח פאַר די שיינע אויסגאַבע, עס איז באמת אַ גרויסע הילף אין אונזערע טעגליכע נסיונות, עס טוט באמת עפענען אונזערע אויגן.

איך וויל מעורר זיין איבער איין טעות וואָס ווערט שטענדיג איבערגע׳חזר׳ט אין אייער קונטרס. איר שרייבט אַז די וואָס גייען צניעות׳דיג ווערן אַראָפּגעקוקט און אונטערגעשאַצט. די מציאות איז פונקט פאַרקערט!

יעדע פרוי טיף אין האַרצן טוט רעספּעקטירן און אַרויפקוקן די וואָס פירן

זיך בצניעות, מען מיינט נאָר אַז יענער קוקט אַראָפּ. די וואָס פּוצן זיך אויס, האָבן נישט קיין שום רעספּעקט אָדער ליבשאַפט צו די אויסגעפּוצטע פּרויען, זיי האָבן נאָר אַ פּרישע דאגה וויאַזוי צו דערגרייכן יענעמ׳ס גוטן אויסזען. די וואָס זענען אַריינגעטון אין די פּירצות ווייסן דאָך אַז אויסגעבן געלט אויף טייערע קליידונג און זיך אַהערשטעלן, איז נישט קיין קונץ, ווייל דאָס קענען זיי דאָך אויך, און זיי ווייסן דאָך גוט ווי שווער עס קומט אָן. דעריבער ווייסן זיי מער ווי יעדן צו רעספּעקטירן די וואָס האָבן די אינערליכע שטאַרקייט בייצושטיין דעם יצר הרע.

איך בין אַ FIRST CLASS עדות! גלייבט מיר, די אַלע קאָמפּלימענטן וואָס איך פּלעג באַקומען - בעפאָר מיינע אויגן האָבן זיך געעפנט אין געביט פון צניעות - קען נישט צוקומען צו אפילו איין מינוט פון די רעספּעקט און קאָמפּלימענטן וואָס איך באַקום יעצט. איך פיל זיך היינט גליקליכער, באַקוועמער, זעלבסט זיכער, און אַסאַך אַסאַך רואיגער.

אַ האַרציגן יישר כח פאַר די פּרוי וועלכע האָט מיך אָפּגעשטעלט אין די גאַס פאַר עטליכע חדשים צוריק און מיר אויפגעמאַכט מיינע אויגן. יעדער וויל זיין וואויל, מען דאַרף נאָר אויפקלערן.

יישר כח

*

לכבוד די חשוב׳ע אַרויסגעבער פון ספר ״עם סגולה״.

איך איינע פון די בריוון האָט מען אויפמערקזאַם געמאַכט וועגן אַ מאַן פאָטאָגראַפער צווישן פרויען וואָס איז קעגן צניעות. איך וויל מעורר זיין וועגן אַ פרוי פאָטאָגראַפער וועלכע גייט אַריין אין יחוד-שטיבל, שטעלט זיך אַוועק קעגן חתן און גיט אים פּונקטליכע אָנווייזונגען וויאַזוי צו שטיין אָדער זיצן, אַז די פּיקטשערס זאָלן געלונגען לויט איר געשמאַק. דאָ פאַרגעסט מען אינגאַנצן צו טראַכטן אַז עס איז אַ מכשול פאַר׳ן חתן און אַ פּריצות. דער חתן איז ״בעל כרחו יענה אמן״ - די גאַנצע זאַך איז אים אַן אָפּקומעניש, אָבער ער האָט נישט קיין ברירה. דעריבער מוז מען זען צו פאַררעכטן דעם ענין.

דער פּראָבלעם גייט נאָך ווייטער, ווען מ׳רופט אַריין אין יחוד שטיבל צו פאָטאָגראַפירן אויך די מחותנים און חתן כלה׳ס געשוויסטער, מענער און פרויען צוזאַמען. עס איז אַזאַ ביליגע און נידריגע צוגאַנג אין אַזעלכע געהויבענע שמחה מאָמענטן. אַז מ׳טראַכט נאָר אַביסל אַריין זעט מען אַז דאָס איז אויך אַ שטיק גוי׳שקייט וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אפילו אין פיינע שטיבער.

איך האָב געהערט פון אַ באַקאַנטע אַז ביי איר שמחה אין יחוד שטיבל האָט די פאָטאָגראַפער איבערגעגעבן איר קאַמערע פאַר אַ שוועסטער פון חתן צו נעמען פון אים אַ בילד. דאָס איז אַ גוטע עצה, און אַז מ׳איז אינגאַנצן מוותר אויף די בילדער איז זיכער תבא עליהם ברכה.

מיט פיל דאַנק און הצלחה אויף ווייטער.

(-)

*

... ביטע שטעלט אַריין דעם בריוול:

צו מיין געטרייע חבר'טע תחי' - איך וויל דיר אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם וואָס דו טוסט אָן פאַר דיינע זיסע טעכטערלעך רויטע מאַנטלען. אויסערדעם וואָס רויטע קליידער זענען פריצות און חוקות הגוי, האָב איך געזעהן שטיין פון הייליגן חתם סופר זצ"ל אַז מיט'ן אָנטוהן רויט ברענגט מען אויף זיך די מדת הדין רח"ל, עס איז מעורר אויפ'ן מענטש דעם מזל "מאדים" וועלכע באַלאַנגט פאַר עשו הרשע.

איך וואונטש דיר פיל נחת פון דיינע קינדער, געזונט פרנסה און הצלחה.

(-)

*

צו עם סגולה,

אייערע טייערע רייד דערגרייכן צו טויזנטער אידישע שטיבער. ביטע מעורר זיין אויף די ווייטאַגליכע פירצה אַז פרויען שטייען אויף די גאַס מיט רויטע טורבאַנען, צ.ב.ש. וואַרטנדיג אויף די באַס פאַר די קינדער א.ד.ג. - איך ווייס נישט אויב אין שטוב מעג מען יאָ גיין דערמיט, אָבער אויף די גאַס אוודאי נישט. איך ווייס נישט אין וועלכע בית חינוך לבנות האָט מען נישט אויסגעלערנט פון קינדוויז אָן, אַז רויט איז אסור פאַר אַ אידיש קינד צו גיין דערמיט. רויט איז "עשו", רויט איז חוקות הגוי.

אגב - חשוב'ע מאַמעס, לערנט אויס די גרעסערע מיידלעך נישט צו שפילן RUBBER און JUMP ROPE אויף די גאַס וואו מענער און בחורים גייען אַדורך, עס איז נישט איידל, אויך קען זיך די קלייד אויפהייבן.

ברכה והצלחה

ה.ב.ש.

*

לכבוד די חשוב'ע עסקנים לטובת די חיזוק אויף צניעות,

איך שיק דאָ אַריין אַ בריוו, און איך בעט זייער אַז מ'זאָל דאָס אַריינלייגן אין די קומענדיגע נומער:

טייערע אידישע שוועסטער תחי' עמו"ש - עס האָט זיך לעצטנס היבש אַריינגעכאַפּט צווישן אונז אַ ווייטאָגליכע מאָדע, די רויטע טורבאַן. דער יצה"ר טוט דאָס אָנקליידן מיט תירוצים, ס'איז נישט עכט רויט נאָר אַ טיפּע באָרדוי, איך גיי נישט דערמיט עכט אויף די גאַס נאָר אין שטוב. טייערע שוועסטער, קען מען דען זיכער זיין אַז מ'וועט נישט אַריינלויפן אין גראָסערי דערמיט, אָדער נעמען די פּאָסט, און אפשר באָרגן עפּעס פון שכן אָקעגן איבער די גאַס.

איך בין זיכער אַז דו טייערע אידישע טאָכטער וואָס דו טוסט דאָך פיל גמילות חסדים, האָסט מסתמא נישט באַמערקט די האַרבקייט דערפון. דו קומסט דאָך פון אַן ערליכע היימישע שטוב. געוויס

ווייסטו נישט וואָס דער חתם סופר זצ״ל זאָגט אַז ווען מ׳טוט אָן אַ רויטע מלבוש אפילו אין שטוב, ברענגט מען אויף זיך גלייך די מדת הדין רח״ל.

אונזער באַשעפער האָט אונז אידישע פרויען געגעבן זיין פולע טראָסט, אַז מיר זאָלן טראָגן די קינדערלעך צום באָס, די הייליגע תינוקות של בית רבן וואָס אויף זיי שטייט די וועלט, גייען מיר טוהן די דאָזיגע גרויסע מצוה מיט׳ן רויטן טורבאַן?

טייערע שוועסטער, לאָמיר הייבן כבוד שמים, און שטאַרקן די מויערן פון צניעות. משיח וואַרט שוין ביים שוועל, פאַרוואָס זאָלן מיר אים אָפּהאַלטן פון קומען דורך אַזאַ גרינגע פעולה וואָס מיר קענען אָפּפערן פאַר צניעות.

פון דיין אידישע שוועסטער

*

לכבוד מערכת עם סגולה:

אייערע רייד זענען געשמאַק און אינהאַלטסרייך. ערלויבט מיר אָבער צו פרעגן איין פראַגע: זענען טאָקע די מענער שוין גרייט אויף משיח׳ן אַז מען לייגט אָן אַלע צרות אויף די נשים?

מיט פיל אַכט

י.ר.

די רעדאַקציע: מענער דאַרפן גרויסע תיקונים אין לימוד התורה, תפלה, נישט שמועסן ביים דאַווענען, האַנדלען באמונה, מחלוקת, שנאת חנם, לשון הרע, כשרות, שמירת עינים, קאָמפּיוטער אינטערנעט (רח״ל), א.א.וו.

אונזערע הייליגע רבי׳ס וועלכע האָבן געוואוסט און פאַרשטאַנען וואָס איז וויכטיג און וואָס איז "וויכטיגער", האָבן אונז געלערנט אַז די צוויי וויכטיגסטע יסודות פון אַ איד איז: 1) <u>אמונה שלימה</u>, 2) <u>קדושים תהיו</u> - ד.מ. זיך דערווייטערן פון פריצות. אָן די צוויי איז אויס איד.

דער הייליגער רבי ר׳ מענדלע רימנובער און דער הייליגער צאַנזער רב זי״ע זאָגן אַז פריצות און גוי׳אישע מאָדעס (סטיילס) ברענגען דריי שטראָפן אויף אידן: 1) אָרימקייט, 2) ביטערע קרענק, 3) אַנטיסעמיטיזם.

פריצות איז נישט נאָר דער פּראָבלעם פון די פרויען, נאָר אויך אַ ביטערער שטער פון די מענער, דעריבער פּראָבירן מיר אַראָפּ-צוברענגען וויכטיגע ענינים איבער די טעמע פון צניעות. מיר האָבן גרייט שיינע אַרטיקלען אויך איבער אמונה ובטחון, אָבער אונזער פינאַנציעלער בודזשעט ערלויבט אונז נישט דערוויַיל נאָר אַ קליינע פאָרמאַט. מיר אַפּעלירן צו אייך און צו אַנדערע אידן, זייט מעורר אידישע קינדער אויך איבער אַנדערע וויכטיגע עניני הדת פאַר מענער און פרויען. לאָמיר אויפמערקזאָם מאַכן איינער דעם אַנדערן, יעדער איד איז מחוייב אויפצוטוהן פאַר השי״ת׳ס כבוד. כל ישראל ערבים זה לזה.

אגב - דער פאַרלאַנג צו באַקומען די פריערדיגע נומערן איז גרויס. מיר ווילן

איבערדרוקן אַלע נומערן אין איין באַנד. עס פאָדערט זיך אַ נדבן דערויף. ווער עס וויל זיין דער חשוב'ער מזכה את הרבים זאָל ביטע רופן: 1601-935 (718)
מיט דאַנק פאַראויס
די רעדאַקציע

*

צו די חשוב'ע עסקנים שליט"א:

לויט מיין מיינונג איז די פירצה פון די "טי-שוירט'ס" און "סטרעיט-סקוירטס" ערגער פון אַלע פירצות. כאָטש איר האָט שוין געשריבן דערוועגן, דאַרפט איר אין יעדן נומער באַזונדער ברענגען איבער דעם, ביז די דאָזיגע געמיינע מאָדע וועט אויסגעריסן ווערן פון די אידישע מחנה. לאָמיר לאָזן די "טי-שוירט'ס" פאַר די גוי'טעס און פאַר די בעיסבאָל שפּילער. די סחורה פון די טי-שוירט איז זייער נוצבאַר צו נוצן פאַר שמאַטעס, לאָמיר זיי צושניידן און אויפוואַשן דערמיט די פלאָר און די ווענט.

עס איז כדאי אַראָפּצוברענגען וואָס עס האָט פּאַסירט ביי הגה"ק רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל, אַז עס איז פאָרגעקומען דעמאָלטס ל"ע אַ מגיפה ביי פרויען, פיל יונגע פרויען זענען נעבעך פּריצייטיג אַוועק פון דער וועלט. האָט מען מגלה געווען פאַר ר' ישראל סאַלאַנטער אין חלום, אַז די מגיפה קומט צוליב די נייע פירצה וואָס די נשים גאַרטלען זיך אַרום מיט אַ גירטל (BELT), וואָס דאָס איז גורם אַז די קלייד ווערט אויסגעפּאַסט אויפ'ן קערפּער.

לאָמיר הערן בשורות טובות ביי אַלע אידישע קינדער
ר.ש.

*

לכבוד עם סגולה,

ביטע פאַרעפנטליכן מיינע שורות אין אייער וואונדערבאַרע אויסגאַבע:

עס רודערט זיך אין וויליאַמסבורג וועגן די געמיינע "אַרטיסטן". אַלס איינוואוינער אין די הייליגע שטאָט עיר ואם בישראל וויליאַמסבורג ווענד איך זיך צו די נגידים וועלכע פאַרמאָגן הייזער אַרום וומב"ג. השי"ת האָט אייך ליב, ער פּרואווט אייך מיט אַ גרויסע נסיון העושר. אונזערע זיידעס פלעגן דערציילן וויאַזוי זיי פלעגן דאָ אין אַמעריקע פאַרלירן זייער פרנסה דורך נישט וועלן אַריינגיין אַרבעטן אום שבת, און נאָך שבת האָבן זיי געמוזט זוכן אַ פרישע דזשאָב. געלט איז נישט אַלעס. אין ספר באר הגולה שטייט אַז ער אַליין האָט שוין פיל מאָל זיך איבערצייגט ביי גרויסע עשירים, אַז פון געלט וואָס זיי האָבן פאַרדינט אומ'יושר'דיג, איז נישט געבליבן קיין זכר, זיי האָבן קודם טאַקע פאַרדינט פיל געלט, אָבער דערנאָך איז זייער גאַנצער פאַרמעגן פאַרלוירן געוואָרן, אַזוי ווייט אַז זיי זענען געוואָרן מחוסרי לחם ממש רח"ל.

ווען גלחים זאָלן אָנטראָגן פאַר אַ איד מיליאָנען אַז ער זאָל זיי פאַרדינגען זיין הויז צו מאַכן דערפון אַ קלויסטער רח"ל, וועט ער דאָס טוהן? עס איז טאַקע

מיליאָנען, אָבער דערפאַר איז נאָכנישט די וועלט הפקר! אין אַ הייליגע אידישע געגנט אָנצווייען די נידריגסטע גוים, דאָס איז דען וויניגער שעדליך ווי אַ קלויסטער? טראַכט איר אַז דאָס איז רצון השם? די צדקה וואָס מ'טיילט מיט דעם געלט איז קיין צדקה נישט, ווי דער פסוק שרייט: אֲנִי ה' שׂוֹנֵא גָזֵל בְּעוֹלָה.

וואויל איז דער חלק פון די טייערע אידן וועלכע האָבן די מעגליכקייט צו פאַרדינען גראָב געלט דורך די אַרטיסטן, און זיי פאַר'מיאוס'ן זיך דערפון, זיי זענען מקיים "ובכל מאדך", זיי העלפן זייערע אידישע ברידער, זיי זענען מקריב קרבנות פון מיליאָנען לריח ניחוח פאַר השי"ת, זיי דערלאָזן נישט דעם "ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם", זיי ווערן נישט נתפעל פון אַנדערע וואָס טוען דאָס יאָ. זייער שכר איז אומשאַצבאַר בזה ובבא.

איך האָב געהערט אַמאָל פון אַ ת"ח, אַז פונקט ווי חז"ל זאָגן אַז די עשרה ראשונים פון אַ ביהמ"ד באַקומען שכר אַקעגן אַלע מתפללים, דאָס זעלבע איז פאַרקערט, די ערשטע צען וואָס טוען אַ געוויסע זינד, באַקומען די שטראָף אַקעגן אַלע שפעטערדיגע, ווייל זיי האָבן אויפגעבראָכן דעם צוים צום ערשט!

השי"ת זאָל אונז העלפןביישטיין די לעצטע נסיונות און בקרוב נלך לקראת משיח צדקינו אמן.

אַ פאַרוויטאָגטער איד

*

לכבוד די חשוב'ע אַרויסגעבער פון עם סגולה:

אפשר קענט איר אַריינלייגן די פאָלגנדע ווערטער לתועלת הרבים.

איך וואוין אויף די פערטע שטאָק. זיצנדיג נעבן די פענסטער אין אַ שבת נאָכמיטאָג, דוכט זיך מיר ווי איך הער עפעס אַ גאַלאָפעריי פון פערד. איך בייג זיך אַרויס זעה איך אַז דאָס קלאַפעריי איז גאָר פון מענטשן, אידישע טעכטער. איך וויל נישט מקטרג זיין, אָבער ישעי' הנביא זאָגט פאַר אידישע פרויען אין נאָמען פון השי"ת: וּבְרַגְלֵיהֶם תְּעַכַּסְנָה - "מיט זייערע פיס טוען זיי מיך דערצערענען!" - עס קלאַפט, עס באָמבאַדירט אין די אויערן, דאָ גייט אַ פרוי, דאָרט גייט אַ פרוי. אָט דאָס איז דאָך ממש דער היפוך פון צניעות. וויאַזוי מאַכן מיר די ברכה הַמֵּכִין מִצְעֲדֵי גָבֶר ווען מיר טוען מיט אונזערע טריט טרעטן אויפ'ן צניעות? לאָמיר אויפזוכן אין די געשעפטן אַזעלכע שיך וועלכע מאַכט נישט קיין גערודער, און אַז מ'זוכט טרעפט מען, ווייל איך האָב אויך געטראָפן נאָכ'ן זוכן.

אין זכות פון פאַררעכטן אונזערע "טריט", וועט השי"ת צואיילן די "טריט" פון משיח צדקנו אמן.

(-)

צו עם סגולה,

ביטע פאַרעפנטליכן מיין בריוו לתועלת הרבים:

איך רעד צו די פילע פרויען אין מיין גאַטונג, וועלכע גייען פון איין געשעפט

צום צווייטן זוכנדיג אַ צניעות׳דיגע קלייד, און ווען מען געפינט נישט גייט מען אַרויס שטיל אָן קיין וואָרט. ווען יעדער זאָל מאָנען און פאַרלאַנגען פונעם אידישן געשעפט׳ס מאַן ״ביטע ברענגט אַריין פאַר אידישע טעכטער צניעות׳דיגע קליידער לאַנג און ברייט מיט איידעלע מוסטערן״, דעמאָלטס וואָלטן זיי דאָס ערפילט. דער פראָבלעם איז אַז דער ערליכער ציבור בעהט זיי נישט.

יישר כח והצלחה רבה

ב.מ.

*

לכבוד עם סגולה:

איר טוט דאָך אין די הלכות פון צניעות, ביטע שרייבט מיר אַ מקור צו דעם מנהג אַז ביי אַ חתונה גייען נישט אָן פיל הלכות פון צניעות, צ.ב.ש. FITTED קליידער, קורצע קליידער, שרייעדיגע קליידער, שטאַרק אויסגעפאַרבטע פנים, אָנגעשמעקט, לאַנגע שייטלען, גוי׳אישע האָר סטייל׳ס מכל המינים, לאַנגע GOWNS ביזן קנעכל, קאָלירטע שטרימפּ, קאָלירטע שיך, שטיין אויסגעצירט נעבן די מענער זאָל. וואו איז די הלכה פון דעם היתר? עס מוז שטיין ערגעץ אין אַ ספר ווייל איך זעה דאָך דעם מנהג אויך ביי היבש היימישע חתונות, נישט נאָר ביי די מאָדערנע. וועלכע שטאָט אין אייראָפּע פלעגט זיך פירן אַזוי? אפשר טרעפט איר מיר אַ רמז אויף דעם וועל איך מיך באַרואיגן מיינע געפילן גייענדיג אויף היימישע חתונות וואו עס געפינען זיך גאָר היימישע פרויען און מיידלעך וועלכע זענען קוים אַרויס פון סקול? עס לייגט זיך נישט אויפ׳ן שכל אַז מ׳זאָל טרעטן אַזויפיל אויפ׳ן שולחן ערוך אין אַ צייט פון אַ הייליגע שמחה. ביטע צייכנט מיר אָן פון וואו דער היתר שטאַמט.

מיט פיל דאַנק.

א. פ.

**די רעדאַקציע:** סך הכל זוכט איר אַ מקור, אויפ׳ן מנהג, אָן הלכה, אַ היתר, אַ ספר, אַ שטאָט, אַ רמז. פון וואו עס שטאַמט.

מיר וועלן פראָבירן ענטפערן:

- דער ״מקור״ = **סטרא אחרא**
- די ״מנהג״ = די זעלבע אותיות ווי - **גהנם**
- די ״הלכה״ = **הלכות טריפות**
- דער ״היתר״ = **דער פעטער** (אַנקל סעם)
- דער ״ספר״ = **ספרי מתים**
- די ״שטאָט״ = **עיר הנדחת**
- די ״רמז״ = **ס״מ**
- עס ״שטאַמט״ = **פון אשת פוטיפר, בלעם, ושתי, אשמדאי, פאַריז.**

אגב: אַ מחותנת׳טע האָט זיך אַמאָל אויסגעדרוקט אין טאָג פון די חופה - ״רבונו של עולם, טו מיך באַפרייען איין טאָג פון דיין יאָך, איין טאָג לאָמיך אָנטוהן מיך און מיינע טעכטער וויאַזוי איך האָב ליב ״אַפּ-טו-דעיט״. מאָרגן בין איך צוריק דיינס...!״

*

לכ׳ המערכת עם סגולה,

ביטע אָפדרוקן די פּאָר שורות אויב מעגליך אין אייער אויסגאַבע עם סגולה לתועלת הרבים:

איך וואָלט געדאַרפט גיין אין די גאַסן און שרייען ״געוואַלד״... (נאָר ס׳פּאַסט נישט פאַר אַ פרוי צו שרייען אין די גאַסן.)

פאַרוואָס זאָל מיין מאַן און מיינע קינדער, ווי אויך אַנדערע מענער, מוזן גיין אין די גאַסן מיט (ממש איינגאַנצן) פאַרמאַכטע אויגן, ווען אין ווילּיאַמסבורג וואוינען רובה דרובה אידן!! דאָס איז נישט אַלס חסידות אָדער פרומקייט, ס׳איז פשוט אוממעגליך פאַר אַ יונגערמאַן צו גיין אין ביהמ״ד פרייטאָג-צו-נאַכט׳ס אָדער שבת נאָכמיטאָג, אָן דעם וואָס מ׳זאָל זיך אָנשטויסן אין פרויען און מיידלעך מיט לאַנגע דאַסטערס. אַז מ׳קויפט זיך אַזאַ מלבוש צו גיין דערמיט אין שטוב איז איין זאַך, אָבער וויבאַלד אַ פרעמדע מאַן קומט אַריין אין שטוב, איז שוין דער דאַסטער פסול.

דער יצה״ר האָט זיך זייער שטאַרק פאַרלייגט אויף דעם פרט, ״אַ לאַנגע דאַסטער איז אויפפאַלנד - FLATTERING!!״ - אַזאַ מלבוש איז דירעקט געמאַכט צו טראָגן אין אַ זמן ווען מ׳וויל באַאיינדרוקן (ווי למשל אַ כלה ביי איר חתונה). פון וואו נעמען אונזערע פרויען דעם היתר צו גיין דערמיט שפּאַצירן אין די גאַסן אין אַ זמן ווען מענער גייען אין ביהמ״ד? געוואַלד!!

איך ווייס פון דער נאָנט וויפיל חולים, יונג און אַלט, ליגן שטערבליך קראַנק אין שפּיטעלער און וואַרטן אויף אַ ישועה. ס׳איז ממש אומדערטרעגליך צו הערן אַזויפיל שוידערליכע מעשיות, וואָס טאָג טעגליך הערט מען אַלץ מער אויסטערלישע פעלער.

פאַרדעם אַליין וואָלט מען זיך געדאַרפט איבערקלערן און זיך שטאַרק אַנטקעגנשטעלן אַקעגן די מאָדע פון לאַנגע דאַסטערס. און אַז מיר וועלן זיך האַלטן בצניעות וועט דער יצה״ר נישט האָבן אויף אונז אידישע פרויען קיין קטרוג, און מיר וועלן זעהן מיט אונזערע אייגענע אויגן די גאולה שלימה בקרוב.

פון ח.ש.מ.

נ.ב. ס׳איז זייער מעגליך אַז פיל פרויען ווייסן נישט די האַרבקייט פון לאַנגע דאַסטערס, מיינענדיג בטעות אַז ווי לענגער איז אַלץ בעסער...

**די רעדאַקציע:** אַנטשולדיגט, דער יצר הרע האָט אייך עפעס צוריקצוענטפערן, און מיר זענען פאַרפליכטעט אים צו לאָזן הערן זיין מיינונג (צוליב דיסקרימינאַציע רעגולאַציעס):

**יצה״ר:** איך האָב זיך דערשראָקן פון די דרשות און קול קורא׳ס פון רבנים און זיינט איבער די פירצה פון קורצע קליידער וואָס איך האָב אַזוי ליב. איך בין אַרומגעגאַנגען פאַרלוירן און גורה שחורה׳דיג, וואָס

וועט דאָ זיין? קען איך דען צוקוקן ווי אידישע פרויען און מיידלעך וועלן גיין מיט די געהעריגע לענג, אַלטמאָדישע, פאַרצייטישע, אַמאָליגע, יאַנטשי? אין יאָר ססס' זאָל מען דאָך זיין אַזוי צוריקגעבליבן?

ענדליך נאָך פיל שוויס און מי און שווערע מיליאָנען איז מיר געלונגען צו ערפינדן אַ פּאַטענט וואָס וועט זיין צו ג-ט און צו לייט. דאָס איז די לאַנגע דאַסטער. פאַר די תורה איז עס גענוג לאַנג, און פאַר מענטשן איז עס גענוג אויפפאַלנד, רייצנד און ציענד. מיט אַ ריזיגע בייפאַל פאַר איינער אין מיינע יאָרן (סוף כל סוף בין איך דאָך שוין אַלט נאָענט צו זעקס טויזנט יאָר בליעה"ר...) - יעצט קומט איר שרייבן צו עם סגולה אַז דאָס טויג אויך נישט, איר ווילט אַז עם סגולה זאָל זיך נעמען האַקן און בראָקן אויף מיין פרישע עלעגאַנטע סטייל. איר זאָלט וויסן אַז איר טוט מיר צוכאַפּן אַ פעטע חלק פון מיין פרנסה. פיל ריזיגע פעקלעך (עבירות) האָב איך שוין פּראָפּיטירט פון די זאָויגע מאָדע, און איך בין נישט שולדיג געבליבן פאַר'ן חשוב'ן ציבור, איך האָב גלייכצייטיג צוריק אַראָפּ-געבראַכט פיל ריזיגע פעקלעך (צרות און קרענק) פאַר'ן היימישן עולם. איר קענט מיך שוין גוט אַז איך גלייך נישט צו בלייבן אַ בעל חוב... איך בעט איין: פליז האַקט נישט אויף די לאַנגע דאַסטער'ס, וואַט'ס ראָנג???...

**☜ די איבריגע בריוון וועלן ערשיינען אי"ה אין קומענדיגן נומער.**

---

וועגן עס איז אַרויסגעקומען אין ארץ ישראל די ביטערע גזירה פון גיוס בנות, אַז אידישע טעכטער דאַרפן גיין דינען אין דעם טמא'נעם מיליטער פון די ציונים, און דער חרדי'שער ציבור האָט געקעמפט אַקעגן די גזירה מיט שאַרפע מחאות, האָט דער גאון חזון איש זצ"ל געקרעכצט זאָגנדיג: "וואָלטן מיר אַ יאָר צוריק מוחה געווען אַקעגן די פירצה וואָס די פרויען האָבן אָנגעהויבן גיין מיט אַביסל קורצערע קליידער וואָלטן מיר נישט געדאַרפט אַצינד מוחה זיין אַקעגן די דאָזיגע שווערע גזירה! די גזירה איז אַ שטראָף פאַר'ן נאָכלאָזן אין צניעות!"

לענינינו, אפשר קען מען זאָגן אַז די גזירה פון די אויסגעלאַסענע "אַרטיסטן" וועלכע ווילן זיך באַזעצן אין ווילִיאַמסבורג (הי"ת), דאָס איז אַ שטראָף אויף דעם וואָס מיר האָבן נישט גענוג מוחה געווען אויף די געמיינע שמאָלע קליידער וואָס אידישע טעכטער גייען, דאַרפן מיר אַצינד קעמפן אַקעגן אַ שווערע גזירה וואָס אידן פאַרקויפן הייזער פאַר געמיינע גוים נעבן אַ געדיכטע אידישע געגענט.

כִּי יַעֲקֹב בָּחַר לוֹ יָ-הּ יִשְׂרָאֵל לִסְגֻלָּתוֹ (תהלים קל"ה)
- "ווייל יעקב האָט גאָט אויסגעוועהלט צו זיך,
ישראל האָט ער גענומען פאַר זיין ליבלינג!"

פון אַן אינהאַלטסרייכע דרשה פון

## הרה"ג רבי אבא חייא טויבער שליט"א

... דער יצר הרע שפירט אַז זיין סוף איז נאָנט, פאַרלייגט ער זיך דעריבער אויף אַלע פראָנטן מכשיל צו זיין אידן. דער ציל פון יעדע נייע סטייל איז צו מאַכן אויפפאַלנד אַז עס זאָל ציען דאָס אויג אויף די גאַס. חז"ל זאָגן אַז אשת פוטיפר האָט זיך כסדר געביטן אירע קליידער כדי צו מאַכן זינדיגן יוסף הצדיק. די באַטרעפנדע פרוי מיינט גאָרנישט קיין שלעכטע כוונה ח"ו ווען זי גייט אָנגעטוהן שמאָל אָדער קורץ אָדער שרייעדיג, אָבער דאָס שלעכטס געשעהט סיי ווי ווייל מענער דרייען זיך דאָך אויף די גאַס. פונקט ווי בגשמיות ווען איינער רייכערט אין פאָבליק, ער מיינט אויך נישט קיין שלעכטס אָבער פאָרט שעדיגט ער די אַרומיגע. דאָס זעלבע - און נאָך פיל אַרגער - איז ביי דעם ענין פון צניעות.

דער מדרש זאָגט אַז ווען השי"ת האָט געוואָלט באַשאַפן די ערשטע פרוי חוה, האָט ער געטראַכט: זאָל איך איר באַשאַפן פון אדם'ס קאָפּ, וועט זי שטענדיג זיין פאַרנומען מיט די שיינקייט פון איר קאָפּ. זאָל איך איר באַשאַפן פון די פיס, וועט זי שטענדיג וועלן אַרויסגיין אויף די גאַס. איך וועל איר באַשאַפן פון אַ באַהאַלטענע ביין פון די רוקן, אַזוי וועט זי האָבן אַ נאַטור פון צניעות, באַהאַלטנקייט. - אָט דאָס איז דער רצון השם, אַז די פרוי זאָל זיין באַהאַלטן פון פרעמדע דאָס מערסטע וואָס מעגליך. לאָמיר זיך נישט נאַרן, די ציל פון די פאַריזע סטיילס זענען דאָס פאַרקערטע פון צניעות!

איך בין געווען זייער נאָנט מיט'ן סקולענער רבין זצ"ל בעל נועם אליעזר, ער איז געווען זייער אַ ווייכער מענטש, קיינמאָל נישט געוועדט שטרענג, חוץ ווען ער האָט גערעדט פון דעם פרט פון צניעות, האָט ער געזאָגט קלאָרע שאַרפע דיבורים, אַז די באַקאַנטע ביטערע מחלה רח"ל קומט צוליב די פירצות אין צניעות!

צניעות איז נישט איינע פון די מדריגות פון אַ פרוי, צניעות איז די "וויכטיגסטע" זאַך אויף דער וועלט פאַר אַ פרוי! מיר געפונען אין חז"ל צענדליגער מאָל אַז די גאַנצע הצלחה פון אַ אידישע פרוי - געזונט פרנסה און נחת - איז אָפּהענגיג אין איר צניעות.

שלמה המלך זאָגט אין שיר השירים (קאַפּיטל ד'): **גַּן נָעוּל אֲחוֹתִי כַלָּה** - "אַ פאַרשלאָסענע גאָרטן איז מיין שוועסטער די כנסת ישראל!" - אידן זענען אַרומגעצוימט מיט פעסטע צוימען נישט צו זינדיגן ח"ו. אַ צוים איז נאָר גילטיג ווען עס איז גאַנץ, אויב עס איז אויפגעבראָכן אפילו נאָר אויף איין פלאַץ, האָט דער צוים נישט קיין ווערד, חיות און גנבים זענען באַלד דערינען.

דאָס זעלבע ווען איין פרוי טוט אויפברעכן ח"ו דעם צוים פון צניעות, טוט זי נישט בלויז שאָדן פאַר זיך זעלבסט, זי האָט אויפגעבראָכן דעם צוים פאַר'ן כלל ישראל! די ערשטע וואָס ברעכן דעם גדר טראָגן דעם אחריות פונעם גאַנצן ציבור!

איך האָב געהערט פון סקולענער רבי שליט"א אַז ער האָט געהערט פון אַן אַלטן איד אַ תלמיד חכם וועלכער האָט געהערט פונעם גבאי'ן פון הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע, אַז ער איז אַמאָל געגאַנגען מיט רבי ישעי'לע צו אַ פלאַץ וואו עס איז געווען אַן אויסשטעלונג פון חיות (אַ ZOO). צווישן אַנדערע חיות איז דאָרט געלעגן אַ שלאַנג אין אַ גלאָזערנע קאַסטן. ווען ר' ישעי'לע איז אַדורך דעם שלאַנג האָט זיך דער שלאַנג אויפגעשטעלט און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ אויף אַ מאָדנעם אופן, נישט ווי זיין געוואוינהייט. ר' ישעי'לע - וועלכער איז געווען אַ יחיד אין זיין דור אינעם ענין פון מתקן זיין גלגולים - האָט זיך איינגעקוקט אויפ'ן שלאַנג און דער שלאַנג האָט צוריקגעקוקט, אַזוי איז געווען בערך 10 מינוט. צום סוף רופט זיך אָן ר' ישעי'לע צום שלאַנג: "איך קען דיר נישט העלפן, דו ביסט געווען דער ערשטער!" - ר' ישעי'לע האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעגאַנגען, און דער שלאַנג האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

אויפ׳ן וועג צוריק זאָגט ר׳ ישעי׳לע פאַר׳ן גבאי, אַז דער שלאַנג פאַרמאָגט אַ נשמה פון אַ פרוי וועלכע איז געווען די ערשטע אין איר שטאָט אָנצוטוהן אַ שייטל אויף די גאַס, דערנאָך האָבן שוין אַנדערע נאָכגעטוהן, אָבער זי איז געווען די ערשטע. קען איך איר נישט העלפן!

פונקט ווי חז״ל זאָגן אַז די ערשטע צען אידן צופרי אין ביהמ״ד באַקומען שכר אַקעגן אַלע וואָס קומען שפעטער, דאָס זעלבע איז פאַרקערט, די ערשטע פון אַן עבירה.

אין פסוק (שמות ל״ח) שטייט, אַז דעם **כיור** פון וועלכע די כהנים האָבן זיך געוואַשן איידער זיי האָבן געטוהן די עבודה אין משכן, האָט מען געמאַכט פון די שפיגלען וואָס די נשים האָבן מנדב געווען. וועלכע שפיגלען האָט מען אַקצעפטירט צום הייליגן משכן, שפיגלען אין וועלכע מ׳פיצט זיך אויס איידער מ׳גייט אַרויס אויף די גאַס וואו עס דרייען זיך פרעמדע מענער? ניין! חלילה - ערקלערן אונז חז״ל - די שפיגלען זענען געווען אַזעלכע אין וואָס די ווייבער האָבן זיך צורעכט געמאַכט איידער דער מאַן קומט אַהיים אין שטוב, כדי ער זאָל ליב האָבן זיין אייגענע שטוב, אָט די שפיגלען זענען זייער חשוב ביים בוכ״ע.

יאָ, דאָס איז וויכטיג, פאַרן אייגענעם מאַן גיין שיין אָנגעטוהן, זיך באַצירן אין שטוב, דאָס ברענגט שלום בית, דאָס טוט אָפהיטן פון שלעכטס, אויף דעם זענען צירונג געמאַכט, אָבער נישט פאַר די גאַס!

... עס איז אַ גרויסע חילוק - פאַר מ׳גייט אויף די גאַס - פון אַוועקצונעמען מיאוסקייט אָדער אַרויסצוברענגען שיינקייט. דאָס ערשטע מעג מען, און דאָס צווייטע טאָר מען נישט.

... חז״ל זאָגן אונז אַז די גאולה שלימה וועט קומען אין זכות פון נשים צדקניות פונעם דור. זאָל השי״ת העלפן אין זכות וואָס מיר וועלן מקבל זיין זיך צו פירן בצניעות כדת וכדין, זאָלן מיר זוכה זיין צו גיין אַקעגן משיח צדקינו במהרה, אמן.

# קאָנטראַסטן...

קאַלידפולע פענער... מוזיק אויף די העכסטע טענער... טרומפייטן שאַלן... לאָמפען שטראַלן... עס בלישקען קריסטאַלן... געדעקטע טישן... מיט משקאות אינצווישן... מ'טיילט בשעת מעשה... מיט הענטשוך ווייסע... די בעסטע מאכלים לרוב... פון כל טוב וטוב... די מלבושים זענען עלעגאַנט... רווישיג און אינטערעסאַנט... שפיגלען אויף די וואַנט... צירונג אויף די האַנט... גאָלד און זילבער גלאַנצן... אַרום פילע בלומען קראַנצן... פאַרבערנגעריי מיט טאַנצן... עולם הזה אינגאַנצן... אויפ'ן ערשטן בליק... ווער איר געבן אַ קוק... און טראַכטן מיט אַנציק... אַז דאָרט ליגט דאָס גליק...

איינפאַך און באַשיידן... אין הויז פונעם זיידן... דוכט זיך טעם גן עדן... מ'וועט זיך בענקען אין פריידן... אַ פשוט'ע דירה... אָבער אַן איידעלע צורה... נישט קיין לאָמפע... פון מאָדע און פאָמפע... אַ טישל אַ קליינע... אַ זויבערע און ריינע... אַן אויפנאַמע אַ פיינע... אַ גוט וואָרט אַ שיינע... אַ געוויין ביי חצות... אַ וואַרימע תפילה ביים עלות... אַ האַרציגן קידוש אויפ'ן כוס... אַ תנועה ביי יעדן אות... אַן איינפאַכע ווייסע וואַנט... נישט קיין טעפיכער עלעגאַנט... דאָס גליק און דער אור... קומט פון אַן אַנדער'ן מקור... אַ ניגון ביי די גמרא... אַ פאַרשטאַנד אַ קלאָרע... פאַר אידישקייט קיין פשרה... דאָס איז דער דרך ישרה...!!

ערליך און שטיל... מיט האַרץ און געפיל... נחת רוח פאַר ה' דאָס איז איר ציל... כאַטש אַרום איר... טיר ביי טיר... חבר'טעס אין אַ שיעור... פליען איבער ימים און טייכן... דעם לוקסוס געניג דערגרייכן... לוסט רייזעס און דאָס גלייכן... פאַר איר איז אָט דער גלוסט... לײדיג און פוסט... זי טוט זיך מיען... די קינדער ערציען... רואיג פאַרוויילן... מעשיות דערציילן... פון ערליכע אידן... גוטע מידות פאַרשידן... שטענדיג צופרידן... שוואַך איז איר פרנסה... אַ קליינע הכנסה... אָבער זי טוט זיך נישט פאַרמעסטן... צו די וואָס האָבן פונעם בעסטן... דאָס הויז איז נישט נגיד'יש... אָבער די קינדער חסיד'יש... די טראַגע אַמאָליג און אידיש... אַ שטאָלץ ווי פרומער... אַ רואיגע צימער... אַ שמייכל ווען אימער... ביים רוימען ביים קעמען... די תחינה ביים חלה נעמען... איר געבעט ביי די שבת ליכט... די טרערן אויף איר געזיכט... דוכט זיך פון איר שטום... אַז מלאכים שטייען אַרום... און בענטשן דאָס הויז אומעטום...

נישט קיין רייכע משקאות... נישט קיין פרעמדע השפעות... אַ געבעט אין די פרימאָרגן שעות... דאָס איז דער דרך אמהות!!

## קאָנטראַסטן... קאָנטראַסטן... קאָנטראַסטן...

## וואָס, איך...? מיינע שיך...?!



"יעס מעדאַם, דיינע שיך" זאָגט דער פּאָליציאַנט,
ווען איך שטיי אין שורה מיט באַגאַזשן אין די האַנט.
דיינע שיך דאַרפן מיר, צוליב רעגולאַציעס דורכקוקן,
צום שיך-טעסטער טוט ער מיך שיקן.



אַדורך בשלום ב"ה, אויפ'ן עראָפּלאַן טו איך אויפשטייגן,
מיין האַנט באַגאַזש איבער'ן קאָפּ שאַנק טו איך לייגן.
ענדליך דאָס בענקל אַראָפּגעצויגן,
עס הייבן שוין אָן קלעבן מיינע אויגן...

פלוצלונג אויפ'ן "אינטערקאָם" מיין נאָמען איך הער רופן,
אַ שרעק באַפאַלט מיר, ביז'ן האַרצן טיפן.
ביטע אַנטשולדיגט זאָגט די "אַטענדענט" אַזוי פריינדליך,
ס'איז דאָ אַ מיספאַרשטענדניש מיט דיינע פעקלעך וואַרשיינליך.



ביטע גיי אַראָפּ, און טו זיי אידענטיפיצירן,
צום באַגאַזשן צימער טוט זי מיך אַראָפּפירן.
רענצלעך, וועגעלעך, פעק און זעק,
אַלע מאָסן, אַלע קאָלירן, אַלע סאָרטן אָן אַן עק.

ביטע אויסקלויבן די וועלכע זענען דיינע,
ווייל מיר האָבן אַ פאַרדאַכט אויף איינע.
"און דו ווייסט דאָך" זאָגט זי מיט אַ שמייכל אַ זיסן,
"היינט דאַרף מען זיין פאָרזיכטיג, מ'קען נישט וויסן".



ברוך השם, ס'איז פאַראיבער, אַצינד פליט מען העכער,
איבער ימים און בערג, גאַסן און דעכער.
ענדליך ב"ה אָנגעקומען ווידער צום לופטפעלד,
דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט.

יעצט דאַרף מען ווידער דעם פּראָצעדור איבערלעבן,
איבערקוקן פעקלעך, די דאָקומענטן איבערגעבן.
עס דרייען זיך אָפיצירן, אין זייערע האַלטער'ס ביקסן,
זיי זוכן געווער, דראָגס, ווי אויך לעבעדיגע געוויקסן.



דאָס מאָל בין איך נישט דערשראָקן פון קיין שאלות,
מ'האָט דאָך שוין ביים אַרויספאָרן איבערגעקוקט אַלעס.

# עם סגלה



״אַנטשולדיגט״ פרעגט דער באַמטער, שטיל אָן רעש,
״האָסטו עפּעס פרוכט אין דיין באַגאַזש ?״

״נאָו סער״ זאָג איך קלאָר און דייטליך,
וויסנדיג אַז איך האָב עס אויפגעגעסן צייטליך.
ווען איך האָב זיך נאָך אויפ׳ן עראָפּלאַן דערמאַנט,
אַז ס׳איז פאַרבאָטן אַריינצוברענגען פרוכט אין לאַנד.



שטעלט זיך פאַר מיינע בושות און חרפה,
עס ציטערט פאַר פחד מיין גאַנצער קערפּער.
אַ שיינעם רויטן עפּעלע נעמט ער פון מיין רוקזאַק אַרויס,
און מיט אַ ווילדן נצחון גיט ער דאָס אויף דער ערד אַ שטויס.

דער חילול השם איז גרויס,
וויאַזוי דריי איך זיך אַרויס ?
גיי זיי פאַר׳ן גוי מסביר וואָס איז געשען,
אַז איך האָב דאָס עפּעל׳ע פּשוט פאַרזען.

אַ תירוץ איז אַ תירוץ און נישט מער,
און מיין הארץ איז מיר געבליבן שווער...
אָבער לערן-געלט איז אויך ווערד געלט,
עס האָט מיר שוין איינמאָל אויפ׳ן פּלאַץ געשטעלט.




אַז דאָס לעבן איז אַן עראָפּלאַן רייזע פון אָנהייב ביז׳ן סוף,
דאָס ווייסט דאָך יעדער וואָס לעבט נישט מיט בלאָף.
אויף די שיך, אויף דעם האָב איך גאָרנישט געטראַכט,
און אַז איין קליינע עפּל האָט אַזויפיל פּראָבלעמען געמאַכט.

״יעס, יאָר שאָה׳ס״ און די שטרימפּ און דאָס קלייד,
דאָס בלאָזל, דאָס שעסל, די געדאַנקען די רייד.
די באַגאַזשן, די פּעקלעך, נאָך 120 יאָר,
וועלן זיך מוזן פּאַסן צום נאָמען אין ״קאָמפּיוטער״ קלאָר.

עס וועט נישט זיין קיין ״מיסטעיק״, קיין פאַרגעסן,
אַז איך האָב די פרוכט נישט באַוויזן אויפצועסן.
אַלעס ווערט דורכגעקוקט, אַלעס מוז שטימען,
השי״ת זאָל העלפן מיר זאָלן בשלום אָנקומען !

(לע״נ אאמו״ר רבי יהושע מרדכי אליעזר בן רבי אלטר יעקב יצחק זצ״ל)

## אַכטונג טייערע אידישע קינדער!

מען הערט ליידער צווישן אחינו בני ישראל ביטערע בשורות נאַכאַנאַנד, יונגע מענטשן ווערן אַוועקגעריסן אין בליענדן עלטער, ביטערע מחלות, שוידערליכע טראַגעדיעס, דאָס קווייטשעריי פון די יתומים'לעך שפאַלטען הימלען, די גדולי הרבנים שליט"א שרייען געוואַלד אויף די געמיינע מאָדע פון

## שמאָלע קליידער

**דאָס מאַכט נעבעך שמאָל אונזער מצב, און מאַכט ענג אונזער פרנסה בעוה"ר.**

צו וועם רעדט מען דאָ? נישט צו מאָדערנע קרייזן וועלכע זענען ווייט פון די אמת'ע תורה וועג. מען רעדט צום היימישן ציבור מדקדקים בקלה כבחמורה, וועלכע גייען נישט קורץ געקליידט, נישט אויסגעשניטן און אויפגעדעקט, נישט קיין לאַנגע שייטלען. דער הייליגער ציבור פון וויליאַמסבורג - באָראָ פּאַרק - קרית יואל - מאָנסי - מאָנטרעאָל - און אלע היימישע אידישע שטעטלעך, וועלכע טוען ערציען זייערע קינדער על דרך ישראל סבא, און פּאָרט אין דעם פרט איז מען אַזוי געשלאָגן, און פון הימל איז מען נישט מסכים דערצו.

בלעם הרשע האָט געוואוסט דעם סוד אַז אלקיהם של אלו שונא זימה הוא - "דער ג-ט פון די אידן האָט פיינט זנות" - האָט ער דעריבער געגעבן עצות פאַר די פעלקער וויאַזוי צו מאַכן זינדיגן די אידן. די פאַריזער מאָדע פון "שמאָל" האָט איין ציל: מאַכן זינדיגן! - אַ נאָרמאַלע פרוי שעמט זיך פשוט צו גיין מיט אַן אויסגעפּאַסטע קלייד אויפ'ן קערפּער.

חשוב'ע פרויען: מען דאַרף פאַרשטיין דעם אמת'ן פאַקט, אַז פונקט ווי ביי די "לענג" פון די קלייד איז נישט גענוג אויב עס דעקט איבער די קני ווען מען שטייט, נאָר עס מוז זיין גענוג לאַנג אַז אויך ווען מען זיצט אָדער מ'גייט אַרויף טרעפּ זאָל דאָס קלייד גענוג איבערדעקן די קני, דאָס זעלבע איז ביי די "ברייט" פונעם קלייד. עס מוז זיין גענוג סחורה אין די ברייט אַז נישט נאָר שטייענדיג ביים שפיגל איז דאָס גוט, נאָר אויך זיצנדיג און גייענדיג, גייענדיג טרעפּ, זאָל די קלייד זיין לויז און נישט ח"ו עס זאָל זיך אַרויסגעבן דער פאָרעם פונעם קערפּער, וואָס דאָס איז פונקט ווי אָנטוהן הויזן רח"ל אָדער נאָך ערגער.

דער תירוץ אַז יעדער גייט אַזוי, אדער אז די היימישע קליידער געשעפטן פאַרקויפן דאָס אינעם אידישן צענטער, דאָס ווערט נישט אַקצעפּטירט אין הימל. רבותי, שמאָלע קליידער איז ליידער אַ היימישע ביטערע פירצה, וועלכע ברענגט היימישע ביטערע מחלות און צרות רח"ל!

לאָמיר זיך מחזק זיין איינער דעם אַנדערן נאָכצוגעבן די עטליכע אינטשעס פאַר'ן באַשעפער, אונזערע באַבעס האָבן געהאַט מסירת נפש נישט צו ענדערן דעם אידישן לבוש. אין דעם זכות וועט השי"ת אונז באַצאָלן מיט געזונט, פרנסה, אידיש נחת, און בעיקר וועלן מיר אי"ה בקרוב זוכה זיין צו ביאת המשיח, אמן.



**שטורעמיגע מיטינג אין שושן הבירה...**

**עם סגולה:** הויכגעשעצטער קעניג אחשורוש, האָט אפשר זיין מאַיעסטעט עפעס אַ פּאָליטישע מיינונג איבער אונזער אויסגאַבע ״עם סגולה?״

**אחשורוש:** איך ליג שוין אין פּאָליטיק אַ גוטע פּאָר טויזנט יאָר. לויט מיין מיינונג איז ענקער אויסגאַבע אַביסל פאַנאַטיש... מ׳דאַרף נישט יענעם איינטיילן וויאַזוי זיך צו פירן... מיינד יאָר אָון ביזנעס... אדרבה, איר דאַרפט זעהן זיך צוצושטעלן צו די היינטיגע וועלט, און נישט אַרבעטן קעגן דעם שטראָם אַז מ׳זאָל וועלן בלייבן אונטערשטעליג...

לערנט זיך פון מיר וויאַזוי זיך צוצושטעלן צו וואָס דער עולם גלייכט. צום ערשט האָב איך זיך אַהערגעשטעלט מיט אַ לוקסוריעזע פּאַרטי, זילבערנע און גאָלדענע בעטן, מיט טייערע און גלאַנציגע דישעס, אַלעס האָט געקנאַקט אין די אויגן. דער עולם האָט געפרעסן און געזויפט 180 טעג, און נאָך זיבן טעג אַ ספּעשל ״שושן פּאַרטי״... ענדזשויטס, צום געזונט!...

זעהט איר, דאָס מיינט זיך צושטעלן צום שטראָם - געפעלן און אויסנעמען ביי יענעם - לויט מיין בליק און פּאָליטישע עקספּיריענס...

נאָר, מיר וואונדערט זייער - אפשר ווייסט איר - פון וואַנעט נעמט זיך אין מיינע דיפּלאָמעס און אויסצייכענונגען דעם מאָדנעם אויסדרוק און טיטול ״מלך טיפש״?...

**עם סגולה:** מיר האָבן עס אויך נישט אַזוי ״גוט״ פאַרשטאַנען ביז יעצט... יעצט איז דאָס פאַרענטפערט געוואָרן, ווייל אַזאַ טיטול פּאַסט פּאַר איינעם וואָס זיין גאַנצע זאָרג איז, נאָר זיך צוצושטעלן צו געפעלן פּאַר אַ צווייטן... מיר וואָלטן אפשר געראָטן אַז דער קעניג זאָל זיך צו דעם אויך צושטעלן... - מיר דאַנקען זיין מאַיעסטעט אויף די פּאָליטישע חיזוק ווערטער... האָט אפשר דער קעניג נאָך עפעס צוצולייגן?

**אחשורוש:** דאָ האָט איר מיין געטרייען גאָווערנאָר - המן בן המדתא. הערטס פון אים אַ לעקציע איבער די לעגאַלע פאָרשריפטן פון אייער אויסגאַבע !

**עם סגולה:** לאָמיר הערן מיסטער גאָווערנאָר !

**המן:** אוי ! נאָך אַלץ זענט איר אַזעלכע עקשנים ?... צוליב אייך ווערט דאָך שוואַכער די עקאָנאָמיע פון טאָג צו טאָג ! - די סטאַק מאַרקעט פון 'פאַריז' פאַלט מער און מער דורך אייער פרומקייט ! - און די גאַנצע פאָרגעשריטנקייט פון די פרייע וועלט ווערט דורך אייך צוריקגעבליבן !...

גלייבטס מיר, דער "עם סגולה" מאַכט מיר מער קאָפּ ווייטאָג ווי דאָס קלאַפּן ביי המן... איך האָב נישט קיין מנוחה זינט אייער אויסגאַבע האָט זיך געגרינדעט - יעדע חודש מיט פרישע טעראָר... ס'קריכט שוין ארויס פון די נאָז, 'צניעות צניעות צניעות'... וואָס אַרט ענק אַז די פרויען וועלן האָבן אביסל חן אין מיינע אויגן ? !...

נאָך מער בין איך גערעגט אויף אייך. זייט איר האָט אָנגעהויבן צו באַיקאָטירן מיין פריוואַטע שייטל קאָמפּאַני, דאָס איז די באַוואוסטע הערליכע "המן האָר" (HUMAIN HAIR) לשמי ולזכרי, וואָס דאָס איז מיין איינציגסטע טרייסט נאָך אַזויפיל יאָרן הערעוואַניע ס'זאָל כאָטש בלייבן עפּעס אַן אַנדענק פון מיר און מיינע אויפטוען. ביי אונז איז מען דאָך אַזוי געגאַנגען דורי דורות ביז די ערשטע באַבע 'עמלק'טע'... - און דאָ קומט איר גאָר איינרעדן די אידענעס אַז מ'זאָל מיך איגנאָרירן און נישט שטיצן !...

**עם סגולה:** אַזוי ? מיר האָבן גאָרנישט געוואוסט וואָספאַראַ איינפלוס אונזער אויסגאַבע מאַכט אויף די גאַס מאַרקעט...

**המן:** וואָס רעדט איר ? ! ווען איין פרוי פאַרבעסערט זיך דעם קאָפּ-צודעק צוליב אייערע אויפקלערונגען, מאַכן דאָס שוין נאָך אַנדערע אויך. איך קען דאָך די ווייבער, ווען איינער טוהט עפּעס, ווילן דאָס אַלע גלייך נאָכמאַכן. נישט אומזיסט האָב איך גע'עצה'ט פאַר'ן קעניג אויפצוהענגען ושתי וואָס זי איז פלוצלונג פרום געוואָרן און זיך נישט געוואָלט באַווייזן פאַר די מענער, וויל

איך האָב מורא געהאַט אַז אַלע פרויען וועלן איר יעצט נאָכמאַכן און פרום ווערן...

איך בעט ענק! לאָזטס ענק אָפּ באַצייטנס פון די פרויען... פון פראַקטיק האָב איך זיך שוין אויסגעלערנט אַז די פרויען מאַכן די מערסטע איבערדרייעונישן... אָנגעהויבן פון ושתי וואָס איז געווען חוצפה׳דיג צום קעניג און צושטערט די גאַנצע פאַרטי... - שפעטער ווען מיין געטרייע פרוי זרש האָט מיר אָנגע׳שדכנ׳ט צו מאַכן די גרויסע תלי׳... און דערנאָך צו וואַספאַראַ וואָרימע ׳שאוער׳ איך האָב זוכה געווען אַ דאַנק מיין טאָכטער׳ס ווייבערישע שכל... (דאָס געשעהט ווען אַ פרוי קוקט אַרויס אינדרויסן אַנשטאָט צו רוימען אינעווייניג...) - ועל כולם איז דורך די פרוי אסתר המלכה צושטערט געוואָרן אַלע מיינע פלענער, און דורך איר האָט מען געטוהן מיט מיר און מיינע קינדער דאָס וואָס איך האָב געוואָלט טאָן מיט אַלע אידן...

דעריבער זאָג איך ענק, מיר זענען נעכטן געזעצן אין אונזער "שוי-רום" אין פאַריז, אינאיינעם מיט׳ן שטן און דער מלאך המות, און אויסגעאַרבעט די נייע "סטיילס" פאַר דעם קומענדיגן זומער. איך בעט ענק, לאָזט אונז רואיג טון אונזער אַרבעט (להשמיד להרוג ולאבד... ח״ו) און שטערט נישט אונזערע קאָסטומערס פון גיין אין אונזערע וועגן...

**עם סגולה:** מיר האָבן פאַרשטאַנען אויפ׳ן ווינק... מיר וועלן טאַקע מפרסם זיין דיינע רייד, און זיך אָוועקשטעלן מיט אונזער אויסגאַבע "עם סגולה" אַנטקעגן דיינע שעדליכע מיסילס און וואָפן, און מיר וועלן זעהן ווייטער מחזק צו זיין די גדרי הצניעות אַנטקעגן די וואָס בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו! און נאָר אין דעם זכות וועלן מיר געראַטעוועט ווערן פון דיינע טמא׳נע הענט און דערנענטערן די גאולה שלימה בב״א.

ארור המן!... אַ פרייליכן פורים...

---

וועמן אַ אידישע פרוי שערט זיך אָפּ די האָר פון קאָפּ, איז דאָס אַזוי חשוב אין הימל פונקט ווי זי וואָלט מקריב געווען אַ קרבן פאַר השי״ת! (הגה״ק ר׳ ישכר דוב מבעלזא זי״ע)

---

אין שו״ת דעת סופר ווערט געברענגט אַז ער האָט געהערט פון אַ תלמיד פון הגאון בעל חתן סופר זצ״ל פון מאַטעסדאָרף, וואָס ער האָט נאָכגעזאָגט פון זיין זיידן דער חתם סופר זצ״ל, פאַרוואָס דער לעצטער גלות דויערט אַזוי לאַנג, טראָץ די פיל פיל צרות וואָס אידן מאַכן מיט שוין אַזויפיל יאָרן. די סיבה דערפאַר איז - זאָגט דער חתם סופר - ווייל אין די פריערדיגע גליות איז נישט געווען דער חטא פון פריצות ביי פרויען. היינט אָבער וואָס איז איינגעריסן דאָס פריצות ביי פרויען, וואָס דאָס איז ערגער פון כל עבירות שבתורה, דאָס טוט לײדער אויפהאַלטן די גאולה!

*

חז״ל דערציילן (מס׳ ע״ז י״ח.) אַז די טאָכטער פון דעם תנא רבי חנינא בן תרדיון איז אַמאָל געגאַנגען אויף די גאַס, הערט זי ווי איינער פון די רומי׳שע מיניסטאָרן זאָגט אונטער איר: ״ווי שיין זענען די טריט פון די דאָזיגע מיידל״. ווי זי האָט דאָס געהערט האָט זי נאָך מער אויפגעפאַסט אויף די שיינקייט פון אירע טריט. דערנאָך האָט זי נעבעך באַקומען דערויף אַ האַרבן שטראָף אַז זי איז נעבעך געפאַנגען געוואָרן. האָט זי אויסגערופן אויף זיך דעם פסוק (ירמי׳ ל״ב): **גְּדֹל הָעֵצָה וְרַב הָעֲלִילִיָּה אֲשֶׁר עֵינֶיךָ פְקֻחוֹת עַל כָּל דַּרְכֵי בְּנֵי אָדָם** - ״גרויס איז דיין עצה און דיינע ווערק זענען פיל, וואָס דיינע אויגן זענען אָפן אויף אַלע וועגן פון די מענטשן!״ - אָפן אויף יעדן פרט, אפילו אויף עטליכע פיס טריט פון אַ מענטש איז פאַרהאַן אַ פונקטליכע חשבון.

| אַמאָל | היינט | אַמאָל | היינט |
|---|---|---|---|
| בית המדרש... | ביזנעס-סענטער... | אַ ליגנער... | אַ געשליפענעם צינג... |
| אַ דרשה... | אַ שלאָף פיל... | מאָדעס... | עלעגאַנט... |
| אַ תנאים... | אַ חתונה... | צניעות... | יאַנטשי... |
| אַ חתונה... | אַ "SHOW"... | פרוצה... | בעסערע פרוי... |
| לוקסוס... | בעל הבית׳יש... | אַ טיכל... | אַ בענדל (BAND)... |
| אַן אפיקורס... | אַן אוהב ציון... | אונטערהעלטניקעס... | אַרטיסטן... |



## מזל טוב צום אָפּשערן, אַסאַך אידיש נחת!

מיט אַ שבח והודאה, אַ האַרץ פול מיט געפילן און פרייד,
טו איך צום רבש״ע דאַנקען און לויבן אמת׳דיגערהייט.
ב״ה מיין אינגעלע איז 3 יאָר געוואָרן, מ׳האָט אים געטאָן אָפּשערן,
מען גייט אים שיקן אין חדר, ער זאָל בעזהשי״ת אַ תלמיד חכם ווערן.

איך וואַרט אַז דער באָס זאָל קומען אים נעמען אין תלמוד תורה,
״אוי באַשעפער, העלף עס זאָל זיין מיט הצלחה״ בעט איך צום בורא.
מיין קינד זאָל תורה און מדות טובות אין זיך איינזאַפּן,
ער זאָל אַהיימקומען געזונט און שטאַרק, אַלעס זאָל קלאַפּן.

יעצט בשעת׳ן וואַרטן וויל איך דער באַשעפער זאָל מיין תפילה צוהערן,
דערפאַר טוה איך פאַר אים אַ נחת רוח און אַ קידוש השם פאַרמערן.
די סגולה פאַר ערליכע קינדער איז צניעות, דורכדעם איז דאָ די ברכה,
בין איך גרייט צו טאָן דערצו, כ׳וויל דאָך אויפשטעלן ערליכע דורות מיט הצלחה.

דערפאַר פאַר׳ן אַראָפּגיין קוק איך זיך אין שפּיגל אויב אַלעס טוט טויגן,
בין איך אָנגעטאָן גענוג איידל, נישט חלילה ציען מענער׳ס אויגן?
מיין קאָפּ צודעק איז גענוג איידל די קאָליר, טוט עס גוט באַדעקן,
סיי אויבן די שפּיץ, ביי די זייטן, און ביי אַלע עקן?
ווי אויך, מיין דאַסטער, קלייד, איז עס גענוג לאַנג, נישט חלילה שמאָל,
מיין ערמל גענוג לאַנג, און מיין האַלז באַדעקט איבעראַל.

אויף די טרעפּ אינדרויסן איז מיר זייער אַנגענעם צו זיצן,
אָבער איך באַשלוס עס איז נישט גענוג צניעות׳דיג, איך גיי עס נישט נוצן.
אויך דאָס רעדן זאַפּטיגע שמועסן מיט די שכנ׳טע אַ גוטע געלעגנהייט,
וועל איך אַכטונג געבן ס׳זאָל זיין אויף אַן איידעלן אופן שטילערהייט.
אויב כ׳בין מיט די פּאָפּאַטש צום באָס אַראָפּגעלאָפן,
זאָל עס נישט זיין דורכזיכטיג פון אונטן און פאָרנט ביי די פינגער וואו ס׳איז אָפן.

יעצט אַז איך טוה אין צניעות אַרבעטן, זיך פאַרבעסערן און פאַרמערן,
בין איך זיכער אז ווען איך וועל מיך צו השי״ת ווענדן און קערן,
וועט ער מיין תפלה צוהערן,
און ערליכע וואוילע קינדערלעך תלמידי חכמים יראים ושלמים באַשערן!

אַסאַך אידיש נחת

שטר׳בן פון אַ דרשה פון

## הרה״ג רבי יצחק אלעזר מאָסקאָוויטש שליט״א

אכד״ק שאָין - מאָנסי

... אונזערע קינדער, אונזערע צוקונפטיגע דורות בעטן זיך צו אונז: ״מאַמע, באָבע, האַלט זיך פעסט מיט׳ן צניעות לבוש, אַזוי וועלן מיר נאָך אויך קענען בלייבן אידן״. קיינער ווייסט נישט ווילאַנג דער גלות וועט נאָך ח״ו געדויערן. אויב מיר וועלן זיך קליידן במסירת נפש כדת וכדין, וועלן אונזערע דורות האָבן אַ גרינגער פעלד צו זיין אידיש.

... מיר זעען אין די וועלט ווי מענטשן וועלכע האָבן יונגערהייט זיך אַריינגעלאָזט אין חובות, דערנאָך צאָלן זיי דערויף דאָס גאַנצע לעבן אַ מאָרגעדזש, און זיי זענען אָנגעווייטאָגט פאַרוואָס מען האָט זיי נישט אויפמערקזאָם געמאַכט דערויף פון פאָראויס.

אויב אַ אידישע פרוי גייט אויף די גאַס אומ׳צניעות׳דיג געקליידט, טוט זי זיך אָנזאַמלען דערמיט ביטערע חובות און מקטריגים, און זי וועט נעבעך דאַרפן באַצאָלן דעם ״מאָרגעדזש״ דאָס גאַנצע לעבן!

... יעדע בעסערונג אין צניעות ברענגט אַ פרישע ברכה אין שטוב. - עס האָט מיר דערציילט אַ איד אַ תלמיד חכם פון ירושלים, אַז ער האָט פאַרלאַנגט פון זיין פרוי נאָך די חתונה אַז זי זאָל אויסטוהן דאָס שייטל. זי האָט דאָס נאָכגעגעבן, אָבער זי האָט גערופן איר מאַן צום ירושלים׳ער רב הגה״ק רבי משה ארי׳ פריינד זצ״ל, און זי האָט געפרעגט דעם רב: וואָספאַראַ ״מתנה״ וועט איר דער רבונו של עולם געבן פאַר דעם קרבן וואָס זי האָט מקריב געווען און אויסגעטוהן איר שייטל? (אַזוי ווי דער מנהג איז צו באַקומען אַן ״אָפּשערן מתנה...״)

האָט איר דער רב געענטפערט: ״דיין מתנה וועט זיין אַז וואָס דו וועסט בעטן פון באַשעפער, וועט דיין תפלה אָנגענומען ווערן!״

... דער באַשעפער באַצאָלט פאַר יעדע פעולה וואָס דער מענטש טוט. אָבער ער באַצאָלט נישט לויט די ווערד פון די פעולה וואָס דער מענטש האָט געטוהן, נאָר

אַסאַך אַסאַך מער. דער מענטש טוט אַ קליינִיגקייט און השי״ת באַצאָלט כפלי כפליים. עס לוינט זיך איינצושטעקן ביים באַשעפער, ווער דאַרף דען נישט אָנקומען צו זיינע טובות!

... מ׳דאַרף אַכט געבן אין שטוב אַז די טיכל זאָל גוט באַדעקן דעם גאַנצן קאָפּ אַרום און אַרום, אַז עס זאָל זיך קיינמאָל נישט אַרויסזעהן קיין האָר ח״ו (עס מאַכט זיך ווען מ׳רעדט אויפ׳ן טעלעפאָן פאַררוקט זיך אַביסל דאָס טיכל נעבן אויער וכדומה) - די שטראָף אויף דעם שטייט אין זוהר הקדוש זייער האַרב, אָרימקייט, צער גידול בנים א.א.וו. רח״ל, דאַקעגן דער שכר אויף היטן דעם קאָפּ צודעק ווייסן מיר צו וואָספאַראַ אידיש נחת קימחית האָט זוכה געווען צוליב דעם וואָס זי האָט געהיטן אויף דעם פּרט!

... אַ שייטל וואָס מען דערקענט נישט דערמיט צווישן אַ פאַרהייראַטע פרוי און אַ נישט פאַרהייראַטע, איז אַ האַרבער איסור לויט אַלע פוסקים. עס איז פונקט פאַרקערט ווי די תורה הקדושה פאַרלאַנגט! - די שייטל מאַכערנ׳ס וועלכע פאַרשפרייטן דאָס און רעדן צו די קאָסטומערס צו דעם, זענען מכשיל את הרבים מיט פיל פיל האַרבע עבירות!

... אַ אידישע טאָכטער איז מחוייב זיך מוסר נפש צו זיין נישט אָנצוטוהן אַ פיטעד (FITTED) קלייד!

איך האָב געהערט פון מיין מומע מורתי, די רביצין הצדיקת המחוכמת הישרה והיקרה מרת גיטל תחי׳, די טאָכטער פון הרב הקדוש צדיק מופת הדור מו״ה אברהם מרדכי זלה״ה מפינטשוב, אַז איר הייליגער פאָטער האָט געזאָגט פאַר איר: איך בעט פון דיר, דו זאָלסט נישט אַרויסגיין דיין גאַנצן לעבן אויף די גאַס, צו רעדן מיט אַ מענטש, אָדער צו זעהן עפעס אַ זאַך וואָס איז אין גאַס, איבערהויפט שבת און יום טוב זאָלסטו נישט אַרויסגיין אפילו איין אמה פון דיין הויז, נאָר אויב עס איז גאָר אַ וויכטיגע זאַך דעמאָלטס מעגסטו אַרויס, און זאָפאָרט צוריקגיין אין דיין הויז. פון יעצט און ווייטער אי״ה זאָלסטו זיך פירן אַזוי דיין גאַנצע לעבן. **״ווער עס זיצט אונטער די מזוזה, דער ווערט נישט מבוזה!״** עכלה״ק. (ספר מעשי ה׳ פון הגה״ק מקאמארנא זי״ע עמוד קמ״א. זקן ביתו פ״א מ״ה אופן ד׳)



## חשבון הנפש...

1) וועלכע פרט אין צניעות איז שוואַך ביי מיר? ____________

2) וועלכע פרט אין צניעות האָב איך ב״ה מצליח געווען מתקן צו זיין? ____

3) ווען מען מאַכט מיר אויפמערקזאַם אויף אַן ענין אין צניעות, וואָס זענען מיינע געפילן דערויף? ____________

4) ווען איך זעה אַ חסרון אין צניעות ביי מיין חבר׳טע, וויאַזוי טוה איך רעאַגירן דערויף, איך נעם עס אָן אַלס אַ היתר אַז מ׳מעג, אָדער אדרבה איך טוה איר אויפמערקזאַם מאַכן דערויף? ____________

5) יענעמ׳ס שיינע קליידער טוען אויסנעמען ביי מיר איר אַרויפצוקוקן דורכדעם אָדער נישט? ____________

## וואו שטייט דאָס...

- אַז מיט אַ שייטל וואָס מען זעהט אויס דערמיט פונקט ווי אַ מיידל טאָר מען נישט גיין?
- אַז מיט אַ קלייד וואָס טוט אויספּאָרעמען דעם קערפער טאָר מען נישט גיין?
- אַז מיט שרייעדיגע קאָלירן ווי האַט-פינק א.ד.ג. טאָר מען נישט גיין?
- אַז מען טאָר זיך נישט אָפּשטעלן גרופּעס פרויען אדער מיידלעך שמועסן אויף די גאַס?

אויף דעם איז גילטיג וואָס הגה״ק רבי יושע׳לע מבעלזא זי״ע האָט געזאָגט: ״**ווען איינער פרעגט וואו שטייט דאָס, איז ער אַן אפיקורס** (רח״ל)**!**״ - אַ זאַך וואָס איז מקובל ביי אידן דור אחר דור איז פונקט ווי הלכה למשה מסיני!

> אַ גדול האָט אַמאָל מוחה געווען ווען נשים זענען געקומען אין שוהל הערן ליינען פרשת זכור, אומ׳צניעות׳דיג געקליידט, האָט ער געשריגן: ״וויאַזוי קען מען קומען הערן מחיית עמלק גייענדיג אָנגעטוהן מיט בגדי עמלק?״

## חינוך אויף צניעות

**דער טאַטע:**

עס ווערט דערציילט אַז הגה״ק בעל עצי חיים זצ״ל פלעגט מקפיד זיין, אַז יעדע נייע קלייד וואָס איז געקויפט געוואָרן אין שטוב, פאַר די רביצין און פאַר די טעכטער, האָט געמוזט אַדורכגיין זיינע אויגן, און ער האָט גע׳פסק׳נט צי דאָס קלייד איז 100% כשר אָדער נישט.

דער טאַטע האָט אַ פליכט זיך אומצוקוקן וויאַזוי זיינע טעכטער טוען זיך אָן. ער דאַרף זיי מדריך זיין און מזרז זיין צו גיין אָנגעטון לויט ווי די הלכה פאַרלאַנגט. דער טאַטע קען געוועגליך בעסער באַשטימען אויף יעדע בגד באַזונדער צי דאָס איז טאַקע אויסגעהאַלטן לויט די הלכה אָדער נישט.

למשל, ביי די שטרימפּ, זאָל דער טאַטע בודק זיין צי עס איז דורכזיכטיג אָדער נישט. דורך באַקוקן פון דער נאָנט צי זעהט מען טאַקע נישט אַדורך די לייב פון די פיס דורך זיי. (דרך אגב, דאָס איז אויך זייער שכיח נישט נאָר ביי עלטערע מיידלעך, נאָר אויך ביי די יונגערע מיידלעך וואָס גייען אין בלויע טייטס. עס קומט אָפט פאָר אַז עס איז שטאַרק דורכזיכטיג אפילו פונדערווייטנס, און מען איז נישט משים על הלב).

אויך ביי די אויסשניט פונעם קלייד ביי די האַלדז, דאַרף מען באַקוקן פון אַלע זייטן צי עס איז נישט אויסגעשניטן, אַזוי אַז עס זעהט זיך אַרויס אַ חלק פונעם קערפּער וואָס דאַרף עפ״י הלכה זיין צוגעדעקט.

אויך ביי די לענג פון די קליידער, דאַרף מען זעהן צי עס איז גענוג לאַנג, אַז אפילו ווען מ׳זעצט זיך אַראָפּ, זאָל די קני בלייבן צוגעדעקט, און דאָס זעלבע צו די ברייט פון די קלייד איז גענוג, אַז ווען דאָס קינד וואַקט אַרויף טרעפּ זעהט זיך נישט אַרויס די פאָרעם פון איר גוף צוליב דאָס שמאָלקייט.

פונקט ווי דער טאַטע איז דער וואָס טוט אַכטונג געבן אין שטוב אויף כשרות, שמירת שבת, מזוזה א.ד.ג. דאָס זעלבע דאַרף אויך זיין ביי דעם ענין פון צניעות. דער טאַטע זאָל זעהן אַז אַלעס זאָל שטימען מיט די הלכה, ובפרט אַז דאָס איז דאָך אַ פּראָבלעם וואָס איז נוגע אים זעלבסט, ווייל ער טאָר נישט זאָגן אַ דבר

שבקדושה, ווי אַ ברכה א.ד.ג. טאָמער עס איז דאָ אין זיין געגנוואָרט אַ מיידל אָדער אַ פרוי וואָס איז נישט צוגעדעקט לויט ווי די הלכה פאַרלאַנגט.

איז דעריבער זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז דער טאַטע דאַרף זייער אַכטונג געבן און זיין אַ עומד על המשמר, אַז יעדער אין זיין שטוב זאָל גיין אָנגעטון עפ״י הלכה, ווייל אויב נישט קען ער ח״ו נכשל ווערן אינעם איסור פון זאָגן ברכות, לערנען, דאַווענען, אויף אַן אומאויסגעהאַלטענעם אָרט.

**די מאַמע:**

עס איז איבעריג צו באַטאָנען, אַז די עיקר פליכט פון אומקוקן זיך אויף די התנהגות פון צניעות פון די טעכטער, ליגט אויף די מאַמע. ווייל זי איז דאָך שטענדיג אין שטוב און זעהט וואָס די קינדער טוען אָן. אויך פאַרשטייט זי זייער גוט וואָס עס מיינט אַ קלייד וואָס איז נישט צניעות׳דיג צוליב די קאָליר, מאָדע, שניט א.א.וו.

אויך ווייסט זי דאָך זייער גוט פון דאָס וואָס מ׳האָט איר געלערנט, אינדערהיים ביי אירע עלטערן און אין סקול, וואָס צניעות באַדייט.

די תוה״ק זאָגט: **וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל.** וויבאַלד די מאַמע איז די וועלכע גייט געוועגליך איינקויפן קליידער פאַר די טאָכטער, ליגט אויף איר די חיוב זיכער צו מאַכן אַז די קליידער זענען צניעות׳דיג אויסגעהאַלטן. אויב נישט, איז זי מכשיל די אייגענע טאָכטער און איז עובר אויף די זינד פון ״לפני עור״.

אויך קען די מאַמע דורך אירע געפילן צו צניעות, אַריינגעבן אין קינד די זעלבע געפילן, אַז זי זאָל אויך שפירן פאַר אַ שטאָלץ און אַ חשיבות זיך אָנצוטון און זיך פירן בצניעות.

[אגב - מ׳מעג אין באַטראַכט נעמען אַ פינאַנציעלער חשבון, אַז די מיידלעך וואָס לייגן זיך אַריין אויסצוזעהן וואָס בעסער און שענער, זענען זייער אַ טייערע און קאָסטבאַרע סחורה. ד.מ. גאַנץ פשוט, עס ברענגט מיט זיך גרויסע הוצאות, ווייל אַז מ׳טאָר נישט זיין אונטערשטעליג, נאָר גיין אָנגעטון מיט די שענסטע סטיילס (בעסער געזאָגט: די ״לעצטע״ סטיילס, אפילו אויב עס איז נישט דוקא די שענסטע !...), דאַן דאַרף מען כסדר צוקויפן נאָך אַ קלייד און נאָך אַ שיך א.א.וו. כדי מיטצוהאַלטן מיט די נייע מאָדעס וואָס קומען שטענדיג אַריין אין די געשעפטן און אין די גאַסן. איר וועט גאָרנישט באַקומען אומזיסט, עס שלעפט אַריין ריזיגע סכומים. מ׳צאָלט אַסאַך מאָל אַ שיינע פאָר הונדערט דאָלער בלויז פאַר איין קלייד].

די פאָלגנדע וויכטיגע הלכות זענען אַרויסגענומען פון קונטרס

# קיצור הלכות צניעות

- **די האָר פון די קאָפּ:** אומפאַרהייראַטע מיידלעך, מעגן גיין מיט אויפגעדעקטע האָר. עס זענען דאָ פוסקים וואָס האַלטן אַז מיידלעך מעגן נאָר גיין מיט געפלאָכטענע האָר, און נישט מיט צונומענע האָר (מגן אברהם). אָבער אַנדערע זענען מקיל, אַז מ׳מעג אויך גיין מיט צונומענע האָר, (די וואָס גייען מיט ״צעפּ״ זענען מחמיר ווי די שיטה, אַז די האָר דאַרף זיין צוזאַמגעפלאָכטן, ותבא עליהם ברכה). אָבער פונדעסטוועגן טאָר מען נישט גיין מיט קיין לאַנגע צולאָזטע האָר, נישט לענגער ווי ביז די אַקסלען.
- אַ פאַרהייראַטע פרוי, טאָר מן התורה נישט גיין מיט קיין אויפגעדעקטע האָר, און אפילו אין שטוב טאָר מען אויך נישט גיין מיט אויפגעדעקטע האָר, מן הדין. (אַן אמת׳ע אשה צנועה טוט אַכטונג געבן אַז עס זאָל זיך נישט זעהן אפילו געציילטע האָר אויך ווען קיינער זעהט נישט. דאָס איז איינס פון די טעמים פאַרוואָס אידישע פרויען טוען זיך אָפּשערן די האָר, ווייל עס איז כמעט אוממעגליך אַז עס זאָל זיך נישט אַרויסזעהן עטליכער האָר).
- פיל פוסקים אסר׳ן צו גיין מיט אַ שייטל, אָבער טייל פוסקים זענען מתיר. טאָמער די שייטל זעהט אויס ווי עכטע האָר, איז עס לויט אַלע פוסקים אסור.
- עס זענען דאָ פוסקים וואָס האַלטן אַז אויפ׳ן שייטל דאַרף מען אָנטון אַ צודעק. די וואָס גייען מיט אַ דינע ״בענד״, נישט נאָר וואָס עס הייסט נישט צוגעדעקט די שייטל, נאָר זיי מאַכן גאָר ערגער דערמיט, ווייל עס מאַכט זיי נאָך מער אויסזעהן ווי אַן אומפאַרהייראַטע פרוי. קומט אויס אַז זיי טוען דערמיט דאָס פאַרקערטע וואָס אַ צודעק אויפ׳ן שייטל דאַרף אויפטון.
- **רויטע קליידער:** עס איז אסור צו גיין מיט קליידער וואָס האָבן אויף זיך רויטע פאַרבן, אפילו אויב די פאַרב איז נאָר אויף אַ חלק פון דעם קלייד (שולחן ערוך, ש״ך).

- **צוגעפּאַסטע קליידער:** עס איז אסור צו גיין מיט אַ קלייד וואָס איז צוגעפּאַסט צום קערפּער, אַז עס זעט זיך אָן די גלידער פונעם גוף.
- צוליב דעם איז אויך אסור אָנצוטון בגדים וואָס זענען געמאַכט פון מאַטריאַל וואָס קלעבט צום קערפּער (ווי Slinky; Knitted) ווייל דורכדעם דערקענט זיך אויף די גלידער.
- אַ פרוי טאָר נישט גיין אויף די גאַס ווען זי האָט אויף זיך שמעקעדיגע זאַלבן, ווי "פּערפּיום" א.ד.ג. אויף אַן אופן אַז די דורכגייער שפּירן די גערוך דערפון.
- אַ מאַמע זאָל נישט מיטנעמען אַ יונגל צו אַ פּלאַץ וואו פרויען שווימען (טאָמער ער איז געגונג אַלט אַז ער קען געדענקען אויף שפּעטער). פון דריי יאָר אַלט און העכער, טאָר מען זיכער נישט.
- אַ אידישע טאָכטער טאָר נישט קוקן אויף מענטשן ווען זיי פירן זיך אויף נישט איידל, אָדער אויף בילדער וואָס זענען נישט איידל.
- מען טאָר נישט דערלאַנגען די האַנט פאַר אַ מאַן אפילו ווען דער מאַן האָט קודם אויסגעשטרעקט די האַנט, און אפילו ער וועט דורכדעם ווערן פאַרשעמט. עס איז אסור אפילו מען גייט אָנגעטון מיט הענטשוך.

---

שלמה המלך ענדיגט אין קהלת: **סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם.** טייטשט מען אַזוי, שלמה המלך טוט אויפקלערן דעם מענטש, ווילסטו וויסן וואָס איז אַן אמת׳ע לויב, וואָס איז אַ ריכטיגע קאָמפּלימענט, קוק וואָס מ׳רימט אויס דעם מענטש ווען ער האַלט שוין ביים סוף, וואָס זאָגט מען ביים הספד, וואָסערע שיינע הויז ער האָט געהאַט? וואָסערע עלעגאַנטע קליידער, וואָסערע שייטל, פאַרב אויפ׳ן פנים? ניין, מ׳לויבט אויס זיינע מדות טובות, צדקה וחסד, תורה ותפלה, צניעות און ערליכקייט. פון דעם קענסטו וויסן וואָס דער ריכטיגער לויב איז, דאָס וואָס מ׳לויבט צום סוף!

*

ווייל מיר הערן נישט צו אונזערע רוחניות׳דיגע דאָקטוירים (די רבנים און דיינים), דאַרפן מיר זיך ליידער צוהערן צו די גשמיות׳דיגע דאָקטוירים (ספר תוספת חיים)

---

## מסירת נפש אין תשס״ד?

אונזערע זיידעס דערציילן פון אַמאָליגע מסירת נפש צו האַלטן זיך ביי תורה און אידישקייט. לאָמיר זיך אַליין פרעגן, אין וועלכן הינזיכט פאַרלאַנגט זיך היינט צו טאָג׳ס פון אונז מסירת נפש:

- צווינגט מען איינעם ח״ו זיך צו בוקן צום צלם?
- האָבן מיר דעם נסיון פון אַרבעטן אום שבת ח״ו?
- האָבן מיר נסיונות איבער עסן כשר פלייש אָדער מילך?
- האָבן מיר אַ נסיון צו שיקן די קינדער אין פאָבליק סקול ח״ו?

דער תירוץ איז דאַכט זיך: ניין ב״ה!

איין ביטערער נסיון איז אָבער יאָ פאַרהאַן:

*וואו טרעפט מען גרינגערהייט - אַ כשר קלייד*
*פאַר מיר און מיין משפחה - עס זאָל זיין כשר כהלכה*
*די ערמל און ביי די האַלז - זאָל זיין צוגעדעקט אַלץ*
*די לענג און די ברייט - און אויך די מוסטער פון די קלייד*
*פאַרהאַן קליידער אָן אַ צאָל - אָבער כמעט אַלע זענען געשניטן שמאָל*
*אָט דאָס איז דער באַדייט - מסירת נפש היינטיגע צייט!*

> אין ענגלאַנד איז מיט יאָרן צוריק געווען אַ גרויסע קראַך אין ריעל-עסטעיט, מיליאָנערן האָבן אָנגעווארין זייער גאַנצע פאַרמעגן. איין היימישער חסיד׳ישער גביר איז געווען וואָס אים האָט דאָס נישט באַטראָפן. האָט דער סאַטמאַרער רבי זצ״ל געזאָגט דעמאָלטס אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געצייגט זיין רייכטום אין די עפנטליכקייט, נישט מיט זיין דירה און נישט מיט זיין קליידונג און נישט ביי זיינע שמחות, דעריבער האָט קיין עין הרע נישט געהאַט אויף אים די שליטה. (מפי השמועה)